# זקניך ויאמרו לך

ת״ת תורה ויראה דרבינו יואל ד׳סאטמאר • בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א • פה ק״ק קרית יואל יצ״ו

בעזהשי״ת | גליון קנ״א – פר׳ ויצא תשע״א לפ״ק | כיתה ח׳ ט׳


תתתרנב) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ח ר׳ חיים הערש אפפעל הי״ו

איך האב געהערט פון הרה״ח ר׳ בנימין הערש הכהן בערקאוויטש שליט״א אז אין די צייט וואס ר׳ ליפא בראך ע״ה האט לויטן באפעל פון רביה״ק **בעל דברי יואל** זי״ע אנגעהויבן צו מאכן די ׳פאלם׳ זאקן פאר די תלמידות פון בית רחל, האט ער געדארפט האבן א ריזיגע הלואה פון צוואנציג טויזנט דאללער אז ער זאל קענען איינקויפן די מאשינען וואס פאבריצירן די זאקן.

איז ר׳ בנימין הערש צוגעגאנגען צו א אינגערמאן, א פארמעגליכער בעה״ב און אים געבעטן אז ער זאל בארגן די 20 טויזנט דאללער כדי צו קענען ממלא זיין דעם רבי׳נס בקשה. און ער האט אריינגעברענגט דעם אינגערמאן צום רבי׳ן און ער האט אראפגעלייגט דאס געלט אויפן טיש, און דער רבי האט אים זייער ווארעם אנגעוואונטשן.

ר׳ ליפא האט דאן אנגעהויבן צו פאבריצירן די זאקן, און ער האט שיין מצליח געוועזן. ווען ער האט שוין געהאט דאס געלט האט ער דאס געגעבן פאר ר׳ בנימין הערש אז ער זאל דאס צוריק געבן פאר יענעם מלוה. אבער ווען ר׳ בנימין הערש האט אים אפגעברענגט דאס געלט האט דאס יענער איד נישט געוואלט צוריק נעמען זאגנדיג ״איך האב באקומען פונעם רבי׳ן אזא געוואלדיגע ברכה, און איך האב זייט דעמאלטס גאר שטארק מצליח געווען, איך וויל נישט אז די השפעה פון די ברכה זאך זיך אפהאקן״. וויפיל ער האט נאר געבעטן אז ער זאל דאס נעמען האט דער איד נישט געוואלט, און ביזן היינטיגן טאג איז נאך דער איד א גרויסער עושר, אלעס ווייל ער האט ממלא געווען דעם רבי׳נס רצון צו העלפן דעם חינוך פון צניעות פאר די טעכטער פון זיינע מוסדות. (אהרן בערגער, יעקב יושע ביקעל, קלמן אליעזר אפפעל, יוסף אלי׳ ביקעל)

תתתרנג) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ח ר׳ אלימלך שלמה שווארץ הי״ו

אין די טעג פון שבועות תשכ״ז לפ״ק איז געווען די ציוני׳סטישע מלחמות באקאנט אלס די ׳ששת ימי אפילה׳, ווען דער רבי בעל דברי יואל זי״ע איז ארויס מיט א פייערדיגע מלחמה קעגן די דיעות כוזבות וואס די ציונים האבן פארשפרייט איבער די וועלט, ער האט גע׳זאגט פייערדיגע שלש סעודות תורות און מחבר געווען דעם ספה״ק על הגאולה ועל התמורה.

יענעם יאר ביים דינער פאר די מוסדות האט דער רבי נאר גערעדט וועגן די אמונה שלימה ווי אזוי א איד איז מחויב צו גלייבן אין השי״ת און מ׳טאר נישט ווערן פארבלענדעט פון די מעשים פון די רשעים, און ער האט נישט גערעדט איבער די וויכטיגקייט פון שטיצן די מוסדות.

נאכן דינער האט זיך דער רבי פארענטפערט אז די גמרא זאגט אין ישראל ניזונין אלא בזכות אמונה, און אז מ׳וועט רעדן פון עניני אמונות ודיעות וועלן שוין די מוסדות הקדושים אויך האבן אן השפעה און עס וועט קענען ווייטער אנגיין מיט הצלחה. (מרדכי בארזעסקי, מרדכי שווארץ, חיים מנחם שווארץ)

תתתרנד) עס דערציילט אונזער זיידע-עלטער פעטער

## הרה״ח ר׳ חיים פריינד הי״ו

מיין טאטע הרה״ח ר׳ מרדכי לייב ע״ה איז געווען אויף די עלטערע יארן פון די זקני התושבים אין קרית יואל, און ער האט זיך געהאלטן זייער נאנט צו די הייליגע מוסדות, ער פלעגט זיין דער ׳שטעל-פארטרעטער׳ אין חדר.

נאך זיין פטירה האט מיין מאמע ע״ה אנגעהויבן צו באצאלן א ״בן גמלא״ אויסצוהאלטן א קינד אין די הייליגע מוסדות, דורכן באצאלן דעם שכר לימוד יעדן חודש. זי האט געוואוינט אין שטוב פון מיין שוועסטער מרת שוימער תחי׳, וועלכע האט זיך אפגעגעבן מיט אירע חשבונות און געלט ענינים.

נאכדעם וואס זי איז נפטר געווארן האט זיך ווי פארשטענדליך אפגעשטעלט די אלע צדקות וואס זי האט אליינס געהאט דאס אחריות צו באצאלן. איין נאכט איז זי געקומען אין חלום צו די טאכטער און זי זאגט אז זי איז שולדיג געבליבן געלט פאר ״בן גמלא״ און זי בעט זייער שטארק אז זי זאל דאס גיין באצאלן.

דעם קומענדיגן טאג איז אונזער פעטער ר׳ מענדל הי״ו צוגעגאנגען צו ר׳ דוד אהרן לאנדא הי״ו אין ביהמ״ד און באצאלט דעם חוב דערציילנדיג דעם חלום.

עטליכע וואכן שפעטער ווען מ׳האט צוזאמען גענומען דאס הויז וואו די באבע ע״ה האט געוואוינט, האבן זיי געטראפן אין א לעדל א ענוועלאפ מיט דאס געלט וואס איז שוין געווען אוועק געלייגט פארן ״בן גמלא״, האבן זיי דעמאלטס געזעהן אז זי האט שוין געהאט צוגעגרייט דאס געלט, נאר זי איז נישט אנגעקומען דאס אפצושיקן וועגן דעם איז זי געקומען אין חלום בעטן אז מ׳זאל זעהן אז דאס געלט זאל אנקומען צו די מוסדות הק׳. (אברהם נתן נטע פריינד, מרדכי שווארץ, יודא בערקאוויטש - ישכר בעריש מענדלאוויטש)

תתתרנה) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ח ר׳ רזיאל יודא בערקאוויטש הי״ו

ביי איינע פון די אסיפות וואס איז אפגעהאלטן געווארן ביי **רביה״ק בעל דברי יואל** זי״ע איבער די הייליגע מוסדות וואס ער האט מייסד געווען, האט דער רבי געבעטן פונעם עולם אז מ׳זאל קויפן פלייש אין אונזער בוטשער סטאר, ווייל די הכנסה גייט פאר אונזערע מוסדות.

שפעטער איז צוגעגאנגען צום רבי׳ן איינער פון די אנוועזענדע און ער האט געזאגט פארן רבי׳ן אז ער האט נישט קיין ברירה ווייל זיין נאנטער קרוב האט אויך א בוטשער סטאר, און ער מוז קויפן ביי יענעם.

האט אים דער רבי געזאגט ״דער איד איז טאקע דיין קרוב, אבער די מוסדות ביסטו אליין, דאס איז אן אייגענע זאך, און דו אליין קומסט זיכער פריער״. (יושע יואל בערקאוויטש, דוד בערקאוויטש)

תתתרנו) עס דערציילט אונזער זיידע-עלטער פעטער

## הרה״ג ר׳ דוד גליק שליט״א

עס האט מיר דערציילט מיין שוואגער הרה״ח ר׳ דוד אהרן לאנדא הי״ו, אז איינמאל איז אריינגעקומען צום רבי׳ן איינער פון די חשוב׳ע אידן פון אנשי שלומינו, און ער האט זיך אפגערעדט פארן רבי׳ן אז יעדע וואך מאכט מען אין ביהמ״ד אפיל׳ס פאר אנדערע מוסדות, און מ׳שלעפט ארויס געלט פונעם עולם, וואס דער עולם קען נישט דערהייבן.

דער רבי האט זיך לכתחילה נישט וואוסנדיג געמאכט דערפון, אבער ווען יענער האט דאס איבערגעזאגט איינמאל און נאכאמאל האט אים דער רבי געענטפערט: ״דער מצב פון מיינע מענטשן אין בית המדרש ווייס איך פונקטליך יעדער איינער וויפיל געלט ער האט, דו האסט רחמנות אויפן עולם, איך זאג דיר צו אז איך האב סך מער רחמנות אויפן ציבור ווי דו, נאר דער וואס האט מיר אמאל געגעבן געלט האט נאך קיינמאל נישט דערלייגט, און ער וועט נישט דערלייגן״... (חיים יצחק סופר, ישראל שלום הכהן פריעדמאן, יושע יואל בערקאוויטש)

תתתרנז) עס האט דערציילט מיין עלטער זיידע

## הרה״ח ר׳ חיים מרדכי שטיינבערג ע״ה

געווען איז דאס זומער תשי״ב, ווען מיין טאכטער תחי׳ איז אלט געווארן זעקס יאר, און דער **רבי בעל דברי יואל** זי״ע האט נאכנישט געהאט געעפענט א מיידל שולע. איך בין דעמאלטס אריבערגעגאנגען צום רבי׳ן כדי צו פועל׳ן אז דער רבי זאל עפענען א מיידל שולע. איך האב געזאגט פארן רבי׳ן אז לויטן אמעריקאנעם געזעץ דארף מען שיקן די טעכטער אין סקול, צי מ׳קען שיקן אין פאבליק סקול?

זאגט מיר דער רבי ״האסט נישט קיין ברירה, וועסטו מוזן שיקן דיין טאכטער אין די היזיגע בית יעקב סקול׳.

האב איך געזאגט אז אינדערהיים האט מען דאך נישט געהאלטן פון שיקן די טעכטער אין בית יעקב, פארוואס זאל איך שיקן מיין טאכטער אויף א פלאץ וואס איז געווען אפגעפרעגט ביי ערליכע אידן?!

האט דער רבי מיר געענטפערט "ס'איז דאך נישטא קיין צווייטע ברירה ווייל מ'מוז דאך שיקן די קינדער אין א שולע לויטן געזעץ".

האב איך געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס די אינגלעך וואס האבן געקענט גיין קיין צעהלים האט דער רבי געמוזט עפענען א אייגענע ת"ת, און פאר די מיידלעך וואזס האבן נישט וואו צו גיין נישט?

האט דער רבי געזאגט "ווייל עס איז נישטא פאר וועמען צו מאכן א סקול. האב איך געזאגט פארן רבי'ן "אויב נעם איך זיך אונטער צו פארשאפן פארן רבי'ן פופצן מיידלעך וועט דער רבי יא מסכים זיין אויפשטעלן א מיידל סקול?"

האט מיר דער רבי געענטפערט "עס מוז נישט זיין קיין פופצן מיידלעך, אפילו דו ווערסט נאר האבן צען מיידלעך וועל איך אויך אויפשטעלן א סקול".

פון יענעם טאג אנגעפאנגען האב איך אנגעהויבן צו גיין רעדן מיט די עלטערן פון די צוקונפטיגע תלמידות פון די סקול. פון די ערשטע בין איך אריבערגעגאנגען צום סיגעטער רב (כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע), וועלכע האט אויך איינגעוויליגט אז זיין טאכטער הרבנית חי' ע"ה, זאל זיין פון די ערשטע תלמידות אינעם רבי'נס מיידל שולע.

ווען איך בין אנגעקומען צו די צאהל פון 12 עלטערן וואס האבן זיך געמאלדן אז זיי ווילן שיקן זייערע טעכטער צו אונזער סקול, האב איך אנגערופן ר' ליפא פריעדמאן ע"ה און איך האב אים געמאלדן די פריידיגע בשורה אז מ'קען שוין עפענען די סקול, אזוי איז נתייסד געווארן די סאטמארע בית רחל. (הערשל גרינפעלד)

## תתתרנה) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה"ג ר' יוסף שלמה פייערשטיין שליט"א ר"מ בישיבה"ק

אין איינע פון די ימי החנוכה תשנ"ו לפ"ק איז דער **רבי מרן הברך משה** זי"ע געפארן קיין פלארידע, און בשעת ווען דער פליגער האט זיך אויפגעהויבן האט פאסירט א שטיקל עקסידענט און דער פליגער האט באלד געלאנדעט מיט גרויסע נסים.

עטליכע טעג שפעטער איז אפגעהאלטן געווארן דער דינער פאר די מוסדות קרית יואל, וואס איז אויך געווען א סעודת הודאה אויפן נס וואס האט פאסירט מיטן רבי'ן, האט דער רבי ארומגערעדט אין זיינע דברות קודש אז ווען א מענטש איז אין א סכנה איז מען שוקל זיינע מצות און עבירות צי מ'זאל אים ראטעווען, "זעהט אויס אז דאס וואס איך האב זיך אזויפיל אוועק געגעבן פאר די שטאט קרית יואל און אירע הייליגע מוסדות, דאס איז מיר בייגעשטאנען אז איך בין ניצול געווארן". (יואל פייערשטיין)

## תתתרנט) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' משה חיים שפיטצער הי"ו

עס איז געווען בשנת תשל"ב לפ"ק ווען איך האב געלערנט אין די ישיבה אויף סאנדז סט. איז געווען א בחור וואס האט ארגעניזירט אז בחורים זאלן ארומגיין נאך געלט פאר די מוסדות הק' און דאס איבערגעבן פארן רבי'ן **מרן בעל דברי יואל** זי"ע.

מיר זענען דעמאלטס ארויסגעפארן קיין בעלל הארבער מיט א באס, און איך האב איבערגעגעבן דאס געלט פארן רבי'ן. איז דארט געשטאנען מיין חבר הרה"ח ר' משה גפן הי"ו וועלכער איז געווען הויז-בחור, האט ער זיך אנגערופן פארן רבי'ן אז דער רבי זאל אנוואונטשן אז בזכות דאס העלפן דעם רבי'נס מוסדות זאל איך א חתן ווערן. האט דער רבי געענטפערט "המתפלל בעד חבירו הוא נענה תחילה".

וכך הוה, ער איז א חתן געווארן, און צען טאג שפעטער בין איך א חתן געווארן.

(יואל בער שפיטצער, נחום מרדכי שפיטצער, ברוך יוסף שפיטצער).

## תתתרס) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' נח גפן הי"ו שו"ב

מיין טאטע הרה"ח ר' יושע ז"ל האט געהאט א פלייש געשעפט אין קראון-הייטס וואו עס האבן געוואוינט סאטמארע אידן, און עס איז געווען א היימישער עולם סאטמארע חסידים וואס פלעגן קומען קויפן פלייש ביי מיין טאטן ע"ה.

אין יענע צייט האט די סאטמארע מוסדות אין וויליאמסבורג געעפענט אן אייגענעם פלייש געשעפט וואס די הכנסה פלעגט גיין פאר די מוסדות, און דער רבי מרן הדברי יואל זי"ע האט דאן געשריבן א בריוו אז אלע אנשי שלומינו זאלן נאר קויפן פלייש אין אונזער בוטשער סטאר און דערמיט מחזק זיין די מוסדות.

פון יענעם טאג אנגעהויבן ווען א סאטמארער איד איז געקומען איינקויפן ביי מיין טאטן האט ער געזאגט "איך פארקויף נישט פארן סאטמארן עולם, יעדער זאל גיין קויפן פלייש דארט וואו דער רבי האט געהייסן, כדי צו שטיצן אונזערע מוסדות, אפילו איך וועל ווייניגער פארדינען דורך דעם".

ווען מ'האט דאס שפעטער דערציילט פארן רבי'ן איז דער רבי זייער נתפעל געווארן דערפון, און ער האט זיך אנגערופן "איך האב געוואוסט אז ער איז א בר דעת, אבער אויף אזוי ווייט האב איך נישט געוואוסט". (מרדכי יצחק גפן, משה הכהן שעהנברון, יואל יושע גפן, אברהם הערש גפן, משה גפן, דוב אלטר ברוך גפן, יואל יושע פעלבערבוים, משה קטינא.)

## תתתרסא) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' לייביש קליינבערגער הי"ו

ער האט זוכה געווען אז **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע האט אים ממנה געווען צו שטיין בראש און טראגן דעם עול פון די סאטמארע מיידל שולע אין מאנטריאל "בית אסתר". און במשך אלע יארן האט ער געטון די עבודת הקודש מיט גרויס נאמנות.

עס איז געווען אמאל ווען ער האט זיך אויסגערעדט פארן רבי'ן אז מ'מוז וויכטיג האבן דרייסיג טויזנט דאללער פארן מוסד, און ער האט דאס נישט געהאט פון וואו צו נעמען. (דאס איז בימים ההם געווען א ריזן סומע געלט, וואס אונזער קליינער ציבור האט דאס נישט געקענט צושטעלן).

האט זיך דער רבי אנגערופן צו אים בלש"ק "אויב באקומסטו דאס געלט פאר זיך, וואלסטו דאס אוועק געגעבן פארן מוסד?". דער זיידע האט באלד געענטפערט "יא".

יעדעס יאר פלעגט דער זיידע באקומען סוף יאר א סומע געלט קאמיש"ן פון די פארדינסטן וואס זיין ביזנעס האט אריינגעברענגט, דאס איז געווען אויסער זיין וועכענטליכע געהאלט. יענע יאר איז געווען גאר א שטארקע הצלחה אין די ביזנעס, און ער האט באקומען קאמיש"ן א ריזיגע סכום געלט, מער ווי 30 טויזנט דאללער. כאטש דאס געלט איז געווען דעם זיידנס פריוואט האט ער געדענקט דעם רבי'נס פראגע און ער האט פארשטאנען אז די ריזיגע סומע געלט האט אים דער רבי געגעבן... און ער האט באלד גענומען דרייסיג טויזנט דאללער און געגעבן פארן מוסד. (יושע פרענקל, שמואל מענדלאוויטש)

## תתתרסב) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יוסף ווייס הי"ו

עס איז כדאי מ'זאל וויסן ווי אזוי די תלמידים וחסידים פונעם **רבי'ן בעל דבר"י** זי"ע האט זיך אוועק געגעבן צו העלפן דעם קיום פונעם רבי'נס מוסדות מיט מסירות נפש.

מיין טאטע ר' מרדכי אהרן ע"ה האט אין די ערשטע יארן געארבעט אין א פיש סטאר, זיין ארבעט איז נאר געווען דריי טאג א וואך, האט ער זיך אנגעטראגן אז אין די איבריגע טעג וויל ער העלפן די מוסדות.

ער האט געהאט א 'סטעישאן וועגאן', האבן דעמאלטס די מוסדות אדווערטייזט אז ווער עס האט אוועק צו געבן גענוצטע קליידונג פאר די מוסדות וועט מען עס קומען אפנעמען פון זיין הויז. און יעדע וואך איז מיין טאטע ארומגעפארן איבער אלע געגענטער איבער ניו יארק און צוזאמען גענומען די קליידונג אזוי אז די מוסדות האבן געהאט דערפון א הכנסה. (מאיר דוד ווייס, וואלף בערגער, יואל רובינשטיין)

## תתתרסג) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יצחק מארקאוויטש הי"ו

עס איז געווען מיט יארן צוריק ווען עס האט אויסגעבראכן א שריפה אין קעמפ, איז הר"ר אלי' שלמה הכהן קאהן שליט"א מנהל בית רחל מיט הרה"ח ר' אביגדור הכהן ראזענבערג הי"ו אריבערגעפארן צום **רבי'ן מרן הברך משה** זי"ע, און זיי האבן דערציילט אז די קאך פון קעמפ האט אפגעברענט און מ'דארף בויען א נייע קאך וואס קאסט אסאך געלט.

דער רבי האט דאן געלאזט אריבער רופן דעם זיידן הי"ו, און ער האט געהייסן ר' אלי' שלמה מיט ר' אביגדור זאלן אים דערציילן איבער וואס דא האנדעלט זיך. פרעגט דער זיידע "מה יקר?" (וויפיל קאסט עס?) האבן זיי געזאגט דעם מספר פון א ריזיגן סכום געלט. רופט זיך אן דער רבי צום זיידן "דו קאנסט געבן אזא סכום?", האט ער געענטפערט אז ער האט יעצט געגעבן גרויסע סכומים פאר פארשידענע צוועקן, און ער האט אויסגערעכנט פארן רבי'ן די אלע זאכן.

האט זיך דער רבי אנגערופן "אויב אזוי איז דאך זייער גוט, ויתן ויחזור ויתן, איינער וואס האט שוין געגעבן זאל ווייטער געבן".

האט זיך דער זיידע אנגערופן "איך האב א צווייטע פשט אויף דעם 'ויתן ויחזור ויתן', אז נאכדכעם וואס מ'גיט געלט פאר צדקה, ויחזור, זאל דאס דער אייבערשטער צוריק געבן, דערנאך 'ויתן' קען מען ווייטער געבן".

האט זיך דער רבי אנגערופן בלש"ק "זייער א גוטע פשט".

הערנדיג דעם רבי'נס הסכמה האט דער זיידע געוואוסט אז ער וועט צוריק פארדינען דאס געלט וואס ער וועט דא געבן, און ער האט אויפגעבויעט א שיינע נייע גרויסע קאך וואס טראגט ביז היינט דעם נאמען "בית התבשיל של ר' יצחק מארקאוויטש נ"י", און דעם רבי'נס ברכה איז ב"ה מקוים געווארן. (נפתלי שמואל לאנדא, נפתלי שמואל כהנא, מרדכי שטוהל, יואל שטוהל)